# מתוך דברות קודש מכ"ק מרן אדמור שליט"א

## בנוגע החתונה תקנות - יום ה' פרשת משפטים העעל"ט

### חתונה איז משפיע פרנסה – ווען ס'איז באשיידן

ס'איז דא א ווארט אין חתם סופר, אין די דרשות ז' אב, ברענגט ער אראפ א פסוק אין משלי (כב, ב), עשיר ורש נפגשו - אן עושר מיט אן ארימאן, קומען זיך צוזאם, עושה כולם ה'. - זאגט דער חת"ס, עשירות מיט ארימקייט זענען מחובר און צוזאמגעקלעבט איינס מיט'ן צווייטן לגבי כלל ישראל מיט הקב"ה. אזוי ווי די גמרא זאגט (חגיגה ט':), יאה עניותא לישראל, ס'איז שיין ארימקייט פאר אידן - נישט חלילה צו זאגן, ס'איז שיין ארימקייט - עניות ממש, נאר דאס וואס מען איז ממעט פון די טובה וואס דער אייבערשטער איז משפיע, און מען מאכט זיך כעניים – און באמת האט מען, נאר מען מאכט זיך כעניים - דעמאלס איז דער אייבערשטער ווי אן עושר, און ער איז משפיע און משביע מרב טובו.

זאגט דער חת"ס, אבער טאמער איז פארקערט, אידן מאכן זיך כעשירים, און זענען זיך משביע מטוב עולם הזה, דעמאלט איז פארקערט דאס עסק. – זאגט דער חת"ס עשיר ורש נפגשו, ס'טרעפן זיך צוזאם דער עושר מיט'ן ארימאן, עושה כולם ה', דער אייבערשטער פירט דאס אזוי. און דער חת"ס פירט אויס: 'האלטן זיך אידן ווי ארימעלייט, רש הייסט אן ארימאן, איז הקב"ה דער עושר, און ער איז משפיע מיט א שפע גדול, און ער ענדיגט זיינע ווערטער, וההיפך בהיפך, און אז ס'איז פארקערט איז פארקערט'.

ס'איז דא אן אור לשמים (פרשת תולדות), בשם דעם אפטער רב ז"ל, אז בשעת נישואין – בשעת מען מאכט חתונה א קינד, ווערט נשפע פון הימל פרנסה. און ער טייטשט דאס אריין אין פסוק (בראשית כו, ל) ויעש להם משתה, דעמאלט ויאכלו וישתו, דעמאלט ווערט נשפע פרנסה.

לויט'ן חתם סופר, איז אמת, ויעש להם משתה, ווען מען מאכט א חתונה איז, ויאכלו וישתו – ס'ווערט נשפע פרנסה. ס'ווענדט זיך אבער וואספארע חתונה מען שטעלט אהער, שטעלט מען זיך אהער אויף א באשיידענעם אופן, איז דער אייבערשטער משפיע דעם ויאכלו וישתו, מידו הגדולה המלאה והרחבה, פון דעם אייבערשטנ'ס גרויסע פוהלע ברייטע האנט, מיט א גרויס עשירות.

אבער ווי דער חת"ס זאגט, וההיפך בהיפך. די ווערטער מאכן אויפציטערן א מענטש, און איך וויל ארויסברענגען די ווערטער פון חת"ס בלשון אזהרה, ווער ס'פירט זיך בפשטות כעני, וועט דער אייבערשטער אים משפיע זיין עשירות מיט שפע גדול, ברכה מרובה. אבער מען זאל וויסן מען זאל זיין זהיר בגחלתו פונ'ם חתם סופר, וואס ער זאגט וההיפך בהיפך.

### פאר די עשירים איז עס בחי' קרבן לה'

ס'איז דא בעלי בתים וואס דער אייבערשטער האט זיי געבענטשט מיט עשירות, און זיי האבן א יכולת – זיי זענען פארמעגליך, זיי קענען אויסגעבן אסאך געלט. הן וואס איז נוגע תכשיטים, הן צו מאכן טייערע סעודות, אין טייערע זאלן, ברוב פאר וכבוד – וויל איך רעדן דא צו די אידן, קודם איז דא א דין פון אל תפרוש מן הצבור (אבות ב, ד). צווייטנס, אין לך יפה מן הצניעות (תנחומא כי תשא לא), און נאכדעם

וויל איך דערמאנען א רש"י אין פרשת וירא (כב, א), רש"י ברענגט אראפ אז ס'איז געווען א קטרוג אויף אברהם אבינו, וואס בשעת שמחת הגמל בנו האט ער נישט מקריב געווען פאר השי"ת א קרבן.

איך האב געהערט אמאל פון טאטן ז"ל, האט ער נאכגעזאגט פון בעלזער רב (מהרי"ד) ז"ל אז ווען א אידישע טאכטער האט חתונה, און זי גייט אונטער דער חופה, און זי שניידט זיך אפ די האר, איז דאס חשוב פאר השי"ת אזוי ווי זי איז מקריב א קרבן פאר'ן הייליגן באשעפער.

וויל איך דא זאגן, א בעל בית וואס איז אן עושר, און ער האט די יכולת אויסצוגעבן אסאך געלט, פאר א שמחה, מיט צירונג, מיט אלע ענינים, אבער ער האלט זיך איין ווייל אזוי איז די תקנה פון קהל, און דאס איז די טובה פונעם ציבור, שלא לבייש את מי שאין לו (תענית כו:), איז דאס חשוב פאר השי"ת אזוי ווי א קרבן בעת שמחתו. וואס ער גיט אוועק פאר השי"ת פון זיין כבוד, וואס ס'דאכט זיך אים וויאזוי ער וואלט געדארפט פירן א שמחה, ויקר תפארתו, איז דאס אוודאי א גרויסער זכות ער זאל געבענטשט ווערן אין דעם טאג פון דער שמחה פון זיין קינד.

### די ערשטע מחותנים – זכות הרבים תלוי בהם

ווער ס'נעמט א טייל אין די תקנות יעצט בשעת ההתחלה, אויסער דער אייגענער טובה, איז זכות הרבים תלוי בו, ווייל ממנו ילמדו וכן יעשו, אנדערע וועלן זיך אפלערנען פון אים. די זעלבע זאך ווער ס'איז מחזק א צווייטן איד, וואס יענער איז מקיים די תקנות, און מען זאגט אים א גוט ווארט, מען איז אים מחזק, איז אויך זכות הרבים תלוי בו. – ער איז מזכה את הרבים, ער איז מונע ביטול תורה, פון צענדליגער מענטשן ביי יעדער שמחה. ער איז מונע ביטול עבודה וואס אידן דארפן דעם אנדערן טאג גיין זוכן פרנסה. ער איז מונע איבוד ממון ישראל, ער העלפט צו, צו חינוך הבנים, מען זאל מחנך זיין די קינדער אויף אן אמת'דיגן חינוך, אויף אמת'דיגע תורה, אויף יראת שמים, און נישט צו שטותים און הבלים. ער איז מרבה מנוחה ושמחה אין אידישע הייזער, ער איז מרבה שלום בעולם.

די גמרא זאגט אין בבא מציעא (נט.), כמשלם שערי מכדא נקיש ואתי תיגרא בביתא, ווערט מחלוקת אין שטוב, אז די בעל בית'טע פאדערט זאכן, און דער מאן קען דאס נישט נאכקומען, דאס איז גורם אסאך מחלוקת אין אידישע הייזער. ליידער, זייער אסאך מחלוקת און פראבלעמען אין שלום בית קומען ארויס פון די איבעריגע הוצאות. און ווער ס'לייגט צו א האנט איז מרבה שלום בעולם.

און דאס זעלבע איז פארקערט, ווער ס'שפעט אפ פון דעם – מאכט דאס אוועק, דער שטערט. ער איז מרבה ביטול תורה, ער איז מרבה ביטול זמן, ער איז מאבד ממון ישראל, און ער פארדארבט חינוך פון אידישע קינדער, און ער איז א מרבה מחלוקת אין אידישע הייזער. פארשטייט יעדער איינער דעם גרויסן שכר פאר ווער ס'העלפט צו, פאר ווער ס'לייגט צו א פלייצע פאר דעם, און ווייטער דאס פארקערטע – ווי דער לשון פון חתם סופר – וההיפך בהיפך.

**לע"נ האשה החשובה מרת חי' ב"ר מרדכי צבי הלוי ע"ה**

This document was created with Win2PDF available at http://www.daneprairie.com.
The unregistered version of Win2PDF is for evaluation or non-commercial use only.